בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ

וִוי עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט, אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן דָאס גוּטְס בַּיי זִיךְ, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן חַס וְשָׁלוֹם, וָואס אַזוֹי אַרוּם וֶועט מֶען שׁוֹין אוֹיךְ טְרֶעפְן דָאס גוּטְס בַּיי יֶענֶעם, אוּן לִיב הָאבְּן יֶעדְן אִיד.

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

### בְּהַעֲלוֹתְךָ תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְּמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ

## א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב):
מֶען דַארְף דַן זַיין יֶעדְן מֶענְטְש 'לְכַף זְכוּת', אֲפִילוּ אַ רָשָׁע גָמוּר דַארְף מֶען אוֹיךְ דַן זַיין 'לְכַף זְכוּת', מֶען דַארְף זוּכְן עֶפֶּעס גוּטְס בַּיי אִים, אוּן אֲפִילוּ אוֹיב דִי גוּטְס אִיז אוֹיךְ פוּל מִיט שְׁלֶעכְטְס, דָאךְ דַארְף מֶען זוּכְן - אוּן טְרֶעפְן אִין דִי שְׁלֶעכְטְס - עֶפֶּעס גוּטְס, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז דַן אַ מֶענְטְש לְכַף זְכוּת, קֶען מֶען אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם

בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיין פוּנְסְטֶערְנִישׁ אוּן אִים לִיכְטִיג מַאכְן.

מִיט דֶעם טַייטְשׁ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, י): וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ; אוֹיבּ דוּ טְרֶעפְסְט בַּיי אַ מֶענְטְשׁ 'עוֹד מְעַט' - נָאךְ עֶפֶּעס אַבִּיסְל גוּטְס, וָואס דָארְט אִיז עֶר נִישְׁט קַיין רָשָׁע, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ גוּט מִתְבּוֹנֵן זַיין אוֹיף דִי גוּטְס פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ פוּן פְרִיעֶר, עֶר אִיז שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגֶענְס, אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען חֲסִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי אוּרִי סְטְרֶעלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר גֶערֶעדְט גוּטֶע וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי הָאבְּן דֶערְשְׁפִּירְט אַז רֶבִּי נָתָן אִיז אַ

הֶעכֶערֶער סָארְט מֶענְטְשׁ[1], זֶענֶען זֵיי אִים נָאכְגֶעלָאפְן אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל זֵיי זָאגְן תּוֹרָה, הָאט רֶבִּי נָתָן מִיט זֵיי גֶערֶעדְט אוּן פַארְצֵיילְט דִי תּוֹרוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט זֵיי דֶעמָאלְטְס אוֹיךְ גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה (סִימָן רפב הַנַּ"ל) פוּן דַן זַיין יֶעדְן אִיד לְכַף זְכוּת, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי נָאכְגֶעגַאנְגֶען אוּן בַּאגְלֵייט דִי וָואגְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן בִּשְׁעַת עֶר זָאגְט זֵיי דִי תּוֹרָה (עַיֵּין עָלִים לַתְּרוּפָה מִכְתָּב מִיּוֹם ה' וָאֶתְחַנַּן שְׁנַת ת"ר), **זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעזֶעצְן לֶעבְן אִים, אוּן פוּן גְרוֹיס גֶעפִיל אוּן**

[1] חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קי"ג ע"א): ר' יוֹחָנָן הָאט גֶעזָאגְט, דִי קְלֵיידֶער פוּן אַ מֶענְטְשׁ זֶענֶען מְכַבֵּד דֶעם מֶענְטְשׁ. דֶערְפַאר זָאגְן חַזַ"ל (נְדָרִים ס"ב ע"א; שו"ע יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמו סָעִיף כא בְּרַמָ"א): וֶוען אַ תַּלְמִיד חָכָם גֵייט אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט, זָאל עֶר גֵיין אָנְגֶעטוּהְן אַזוֹי אַז מֶען זָאל דֶערְקֶענֶען אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז אַן אַנְדֶער סָארְט מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אַרוּם וֶועט מֶען נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין אִין אִים; וַוייל דָארְט וואוּ עֶר וואוֹינְט וֵוייסְט דָאךְ יֶעדֶער מְמֵילָא וֶוער עֶר אִיז, אִיז דָאס נִישְׁט ווִיכְטִיג, אָבֶער אִין דֶער פְרֶעמְד דַארְף מֶען זִיךְ מְגַלֶה זַיין. דָאךְ אִיז אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁטֶענְדִיג גֶעגַאנְגֶען מִיט פָּשׁוּטֶ'ע בְּגָדִים, צוּם בַּיישְׁפִּיל, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ דַאטְשִׁיק [קַאסְקֶעטְל], סַיי וֶועגְן אָרֶעמְקַייט אוּן סַיי צוּלִיב דִי פוּל רְדִיפוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, דָאךְ אִיז גֶעוֶוען חֲסִידִים פוּנֶעם שָׂרָף מִסְטְרֶעלִיסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס זֵיי הָאבְן דֶערְשְׁמֶעקְט אַבִּיסְל דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, אוּן זֵיי זֶענֶען אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען.

הִתְעוֹרְרוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער, הָאט עֶר נָאכְגֶעזָאגְט יֶעדֶע וָוארְט שְׁטִילֶערְהֵייט, רוּפְט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אָן צוּ אִים: דוּ מֵיינְסְט אַז דָאס אִיז אַזַא גְרִינְגֶע זַאךְ מְקַיֵים צוּ זַיין? וֶוען מִיר וָואלְטְן גֶעהַאלְטְן דֶערְבַּיי מִיט אַן אֱמֶת, וָואלְט מֶען שׁוֹין גֶעקֶענְט מַחְזִיר לַמּוּטָב זַיין גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל!

וַוייל לְעוֹלָם זֶענֶען אַלֶע אִידְן נְשָׁמוֹת פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים בַּארְג סִינַי, אוּן גֶעהֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין (שְׁמוֹת כ, ב): **אָנֹכִי וְכוּ׳, וְלֹא יִהְיֶה לְךָ וְכוּ׳**; אוּן יֶעדֶע נְשָׁמָה אִיז אַ ׳חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל׳! נָאר פַארְוָואס זֶעהְט מֶען נֶעבֶּעךְ אַז אַזוֹיפִיל אִידְן זֶענֶען אַוֶועק גֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁן וֶועג?! וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶוער עֶס זָאל זֵיי מְקָרֵב זַיין! פַארְקֶערְט, דִי טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַז עֶר אִיז גְלַייךְ דַן אַ צְוֵוייטְן ׳לְכַף חוֹב׳, אָבֶּער צוּ קֶענֶען קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטֶענְס גוּטְס, אוּן דַן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת, דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

פַארְוָואס טַאקֶע אִיז דָאס אַזוֹי שְׁוֶוער? וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ דַן לְכַף חוֹב, אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער (שָׁם): פּוּנְקְט אַזוֹי וְוִי מֶען דַארְף דַן זַיין ׳יֶענֶעם׳ לְכַף זְכוּת, אַזוֹי דַארְף מֶען ׳זִיךְ׳ אַלֵיין אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת; אוּן וְוִיבַּאלְד מֶען אִיז זִיךְ נִישְׁט דַן לְכַף זְכוּת, אִיז מֶען צוּבְּרָאכְן, מְמֵילָא אִיז מֶען שׁוֹין יֶענֶעם אַוַודַאי אוֹיךְ דַן לְכַף חוֹב.

## ב.

אוּן דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע סִיבָּה פַּארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז וַוייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וַוייל עֶר אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דַן לְכַף חוֹב, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין אַרָאפְּקְלַאפְּן: אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד! פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין! אִיךְ בִּין דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אִין דִי וֶועלְט; אָבֶער אֲפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין בֶּאֱמֶת גֶעטוּהְן דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן אִין דִי וֶועלְט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, אוּן זַיין בַּיי זִיךְ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַּאלְן, וַוייל עֶס אִיז דָא אַ לַאו אִין דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא יט, יז): **לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ** - מֶען טָאר נִישְׁט

# ח קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ

## פַיינְט הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיד אִין הַארְץ[2]. אוּן דֶער זֶעלְבֶּער לַאו גֵייט אוֹיךְ אָן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אַז מֶען טָאר זִיךְ אַלֵיין

---

[2] אוּן דָאס אִיז אַ לַאו תְּמִידִי, וַוייל אַז אֵיינֶער הָאט גֶעגֶעסְן חַזִיר רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאט עֶר נָאר עוֹבֵר גֶעוֶועוְן אוֹיף אַ 'לַאו' ווִילַאנְג עֶס אִיז דוּרְךְ דִי הַאלְז אוּן עֶר הָאט דָאס אַרָאפְּגֶעשְׁלִינְגְן, אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט פַיינְט אַ צְוֵוייטְן אִיז עֶר יֶעדֶע מִינוּט עוֹבֵר אוֹיף אַ 'לַאו' רַחֲמָנָא לִצְלָן, לֵיידֶער זֶענֶען מֶענְטְשְׁן נִישְׁט נִזְהָר אִין דֶעם, מֶען מֵיינְט אַמָאל אוֹיף אֵיינֶעם אַז עֶר אִיז אַ 'עוֹבֵד הַשֵּׁם', עֶר שְׁטֵייט אוֹיף 'חֲצוֹת', אוּן עֶר טוּט 'עֲבוֹדוֹת', אָבֶּער אוֹיבּ הָאט עֶר פַיינְט אַ צְוֵוייטְן, אִיז עֶר אַזוֹי וִוי אַ טָמֵא'נֶער מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל זִיךְ רֵיינִיגְן אִין מִקְוֶה, אָבֶּער עֶר הַאלְט אַ גֶע'פֵּגֶר'טְן שֶׁרֶץ אִין דִי הַאנְט אוּן אַזוֹי טוֹבֵל'ט עֶר זִיךְ, וָואס עֶר בְּלַייבְּט טָמֵא [טוֹבֵל וְשֶׁרֶץ בְּיָדוֹ]... אוּן אוֹיבּ הָאט עֶר אַ טַעְנָה אַז מֶען הָאט אִים בַּאַ'עֲוֶולְ'ט, זָאל עֶר צוּ יֶענֶעם צוּגֵיין אוּן אִים זָאגְן אָפֶען: דוּ הָאסְט מִיר דָאס אוּן דָאס גֶעטוּהְן, פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר דָאס גֶעטוּהְן? אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט (וַיִּקְרָא יט, יז): **הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶיךָ**. אוּן אַז יֶענֶער טַעֲנָה'ט צוּרִיק אוּן דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט מִיט אִים אוֹיסְגְלַייכְן, קֶען מֶען גֵיין צוּ אַ 'דִין תּוֹרָה' אָדֶער צוּ אַ 'רָב', וָואס וֶועט אוֹיסְגְלַייכְן וֶוער עֶס אִיז שׁוּלְדִיג, אָבֶּער סְתַּם פַיינְט הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיד דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ.

אוּן דָאס אִיז לֵיידֶער דֶער גַאנְצֶער גָלוּת וָואס מִיר לַיידְן, אַלֶעס אִיז נָאר צוּלִיבּ 'שִׂנְאַת חִנָּם', דָאס הֵייסְט, מֶען הָאט זִיךְ אוּמְזִינְסְט פַיינְט, אוּן אַז מֶען זָאל פְרֶעגְן אֵיינֶעם: פַארְוָואס הָאסְטוּ יֶענֶעם פַיינְט? עֶר הָאט דִיר עֶפֶּעס פֶּערְזֶענְלִיךְ שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּהְן? אוֹיבּ יָא, לְמָשָׁל אַז עֶר הָאט דִיר צוּגֶענוּמֶען גֶעלְט, בֶּעט עֶס פוּן אִים אָפּ, אוּן אַז עֶר ווִיל דִיר נִישְׁט בַּאצָאלְן, קֶענְסְטוּ אִים רוּפְן צוּם 'בֵּית דִין', אוּן אַז עֶר ווִיל נִישְׁט גֵיין, וֶועט 'בֵּית דִין' אַרוֹיס גֶעבְּן אַ 'סִירוּב', קֶענְסְטוּ גֵיין אִין גֶערִיכְט, קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז מֶען זָאל גוּט אַרַיינְקְלֶערְן פַארְוָואס הָאט אַ מֶענְטְשׁ פַיינְט אַ צְוֵוייטְן? פָּשׁוּט 'שִׂנְאַת חִנָּם'! וָואס דָאס קוּמְט פוּן קִנְאָה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: אִיךְ בִּין אַ שְׁלִי'מַזָל אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַצְלִיחַ

גֶעוֶוען, און יֶענֶער יָא. הַאלְט עֶר דָאס נִישְׁט אוֹיס פון פול גֵיאוּת, און דָאס בְּרֶענְגְט אִים נָאכְדֶעם צוּ 'שִׂנְאָה', בִּיז עֶס קוּמְט צוּ 'רְצִיחָה' רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַז עֶר אִיז גְרֵייט אֲפִילוּ יֶענֶעם צוּ הַרְגֶ'ענֶען.

חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כז ע"ב): וָואס הֵייסְט שִׂנְאָה? אוֹיבּ אֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט מִיט אַ צְוֵוייטְן דְרֵיי טֶעג וַוייל עֶר הָאט אִים פַּיינְט. זָאגְן גְלַייךְ דִי חֲזַ"ל (שָׁם): לֹא נֶחְשְׁדוּ יִשְׂרָאֵל עַל כַּךְ – אַ אִיד אִיז נִישְׁט חָשׁוּד אוֹיף אַזַא זַאךְ. לֵיידֶער לֵיידֶער דִי זֶעלְבֶּע חֲזַ"ל וָואס זָאגְן דָא אַז "עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז עֶס זָאל זַיין אַזַא שִׂנְאָה צְווִישְׁן אִידְן", אָבֶּער וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן וִוי אַזוֹי עֶס וֶועט אוֹיסְקוּקְן פַאר דִי גְאוּלָה הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעזָאגְט (סַנְהֶדְרִין צח ע"ב): יֵיתֵי וְלֹא אִיחְמִינֵיה – זָאל דֶער 'גוֹאֵל צֶדֶק' קוּמֶען, אָבֶּער אִיךְ וִויל עֶס נִישְׁט זֶעהְן. וַוייל דִי תַּנָאִים הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז פַאר דִי גְאוּלָה וֶועט זַיין אַזַאלֶעכֶע גְזֵירוֹת מִיט צָרוֹת און אוּמְגְלִיקְן, אַז זֵיי הָאבְּן דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּקוּקְן; און דֶער עִיקָר צָרָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אִיז, אַז עֶס וֶועט זַיין מוֹרָא'דִיגֶע כְּפִירוֹת און אַפִּיקוֹרְסוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָנִים לה, רכ): פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַ מַבּוּל פון 'כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת', עֶס וֶועט זִיךְ גִיסְן פון אוֹיבְן אַפִּיקוֹרְסוּת אוֹיף דִי וֶועלְט [אַלְץ נִסָּיוֹן]; און אַזוֹי וִוי דִי מַבּוּל אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, און אֲפִילוּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס דֶער מַבּוּל אַלֵיין אִיז טַאקֶע נִישְׁט אַרָאפְּגֶעקוּמֶען (יְחֶזְקֵאל כב כד; וְעַיֵּין זְבָחִים קיג ע"א), דָאךְ אִיז עֶס אָבֶּער אוֹיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁוֶוענְקְט גֶעוָוארְן און יֶעדְן אוּמְגֶעבְּרֶענְגְט פון דִי פוּל וַואסֶער וָואס הָאט אַרַיינְגֶעדְרוּנְגְן פון חוּץ לָאָרֶץ (בְּרֵאשִׁית ז, יט), דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ – הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט – וֶועט דִי מַבּוּל פון מִינוּת און אַפִּיקוֹרְסוּת אָנְקוּמֶען בַּיי יֶעדְן, און אֲפִילוּ אִין דִי הֶערְצֶער פון עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס גְלֵייבְּן אִין דִי הַשְׁגָחָה פון אֵייבֶּערְשְׁטְן, און זֵיי זֶענֶען גֶעגְלִיכְן צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל (דְבָרִים יא, יב; וְעַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן מד), וֶועט אוֹיךְ אַרַיינְשְׁפְּרִיצְן מִינוּת און אַפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן (עַיֵּין כּוֹכְבֵי אוֹר, סִיפּוּרִים וּמְשָׁלִים סִימָן ד). "און וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט

## קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ

נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן! עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ זִיךְ אַרָאפְּצוּקְלַאפְּן אוּן זִיךְ דֶערְנִידֶערְן, פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן זָאגְן צוּ זִיךְ אַלֵיין: בִּיסְט טַאקֶע אַרָאפְּגֶעפַאלְן טַייעֶרֶער... אָבֶּער עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט עֶק וֶועלְט, הֵייבּ דִיךְ צוּרִיק אוֹיף!

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְן נָאמֶען ר׳ מֹשֶׁה [עֶר הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין אוּמַאן נַיין אַהַאלְבּ יָאר], הָאט עֶר מִיר דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ בְּרֶסְלְבֶ׳ע חֲסִידִים: עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין צוּ דַאוֶוענֶען מִנְחָה פַאר דִי שְׁקִיעָה, דֶערְפַאר זַייעֶנְדִיג אִין ׳וַוארְשָׁא׳ וואוּ עֶס הָאבְּן נָאר גֶעווּאוֹינְט חֲסִידִים, וָואס זֶענֶען בְּדֶרֶךְ כְּלַל נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף דִי שְׁקִיעָה, הָאט עֶר גֶעזוּכְט אַ מִנְיָן וואוּ מֶען דַאוֶוענְט מִנְחָה פַאר דִי שְׁקִיעָה,

---

נִישְׁט מִיט אַ צְוֵוייטְן וַוייל עֶר הָאט אִים פַּיינְט, מִיט דֶעם שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז עֶר הָאט אִין זִיךְ מִינוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת״.

הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: דִי בְּרֶסְלְבֶ׳עֶרס זֶענֶען יָא מַקְפִּיד אוֹיף דִי שְׁקִיעָה, און עֶר זָאל דָארְט אַהִינְגֵיין.

אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בְּרֶסְלְבֶ׳ן שְׁטִיבְּל אַבִּיסְל פַּארְן דַאוֶונֶען, הֶערְט עֶר ווִי אֵיינֶער זָאגְט פַאר זַיין חַבֵר - וָואס הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן - מִיט דֶעם לָשׁוֹן: מֹשֶׁה! בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַז מֶען פַּאלְט אוּן מֶען פַאלְט, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף! אוּן אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן, הֵייבּ זִיךְ אוֹיף! עֶר זִיצְט זִיךְ אַזוֹי אִין דִי זַייט פַארְוואוּנְדֶערְט, דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס עֶר הֶערְט אַזַאלֶעכֶע דִיבּוּרִים! נָאכְדֶעם בַּיים דַאוֶונֶען מִנְחָה הָאט עֶר גֶעזֶעהְן ווִי אַזוֹי מֶען דַאוֶונְט מִיט אַזַא וַוארֶעמְקֵייט, כָאטְשִׁיג דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען פָּשׁוּטֶ׳ע אִידְן, אַ פֶּעינְטֶער, אַ הֶענְדִימַאן, אַ שוּסְטֶער וְכוּ׳, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ: אִיךְ הָאבּ זִיכֶער אַנְטְדֶעקְט דִי פְּלַאץ פוּן דִי ל״ו צַדִיקִים. אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: אִיךְ וֶועל שוֹין דָא בְּלַייבְּן דַאוֶונֶען מַעֲרִיב. צְווִישְׁן מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב הָאט מֶען פָארְגֶעלֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, הָאט עֶר

דֶעמָאלְטְס גֶעהֶערְט אַזַאלֶעכֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען הֶערְט אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: פֹּה אֵשֵׁב כִּי אִוִּתִיהָ (תְּהִלִּים קלב, יד); אִיךְ בְּלַייבּ שׁוֹין דָא!

און אַזוֹי זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן אָן אַ שִׁיעוּר מְקוּרָבִים, וַוייל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט וַוארְפְט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיס קַיין מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען אַרַיין, סְפֶּעצִיֶעל אַז עֶס קוּמֶען שְׁכֵנִים, און אַז זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַזַאלֶעכֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען הֶערְט אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט, זֶענֶען זֵיי מְקוּרָב גֶעוָוארְן.

אִין אוּמַאן פְּלֶעגְט מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין צוּ דַאוֶונֶען וָותִיקִין, און נָאכְן דַאוֶונֶען הָאט מֶען פַארְשְׁפַּארְט דִי שׁוּל, זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אוֹיךְ גֶעוָואלְט מַאכְן אַ מִנְיָן "אַכְט אַזֵייגֶער", און מֶען הָאט דָאס נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט, אָבֶער רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ גֶע'עַקְשֶׁנְ'ט, אַז מֶען זָאל דָאס בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט שְׁטֶערְן, נָאכְדֶעם הָאט מֶען זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְט זַיין אֱמֶתְ'ען און הֵיילִיגְן קוּק, וַוייל דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרַיין

גֶעקוּמֶען דַאוֶועגֶען מִיט דִי שְׁפֶּעטֶערֶע מִנְיָן פוּן אַכְט אַזֵייגֶער, זֶענֶען צוּם סוֹף גֶעוָוארְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן מְקָרֵב זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין יֶעדְן אִיד, אוּן טְרֶעפְן דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח): כָאטְשִׁיג עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ מוֹכִיחַ זַיין אַ צְוֵוייטְן, דָאךְ אִיז נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעמַאכְט פַאר דֶעם, וַוייל מוּסָר קֶען מֶען נָאר זָאגְן אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָאס גֶעזָאגְט, וָואס מִיר גֶעפוּנֶען אַז גְלַייךְ נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן זֶענֶען נֶעבֶעךְ בִּיטֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיטְן מַאכְן דֶעם 'עֵגֶל' רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען מִיט דִי לוּחוֹת דָאס צוּ גֶעבְן פַאר דִי אִידְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וָואס דִי אִידְן הָאבְן נֶעבֶעךְ אָנְגֶעמַאכְט, וָואלְט עֶר דָאךְ גֶעדַארְפְט גְלַייךְ מַאכְן אַ גֶעוַואלְד אוּן פַארְפִירְן: וָואס הָאט אִיר דָא גֶעטוּהְן?! בִּיז דֶערְוַוייל הָאט עֶר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעזָאגְט: דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז נָאךְ אַלְץ לִיבּ! אוּן אַזוֹי אַרוּם הָאט יֶעדֶער גְלַייךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן (שַׁבָּת פט). וַוייל דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ

טְרֶעפְן די גוּטְס בַּיי אַ מֶענְטְשׁ, און נִישְׁט טְרֶעפְן נָאר די עֲבֵירוֹת.

דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַמָאל גֶעזָאגְט: אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְלַיידְן די אַפִּיקוֹרְסוּת וָואס רִינְט אַרוֹיס פוּן די בְּרֵייטֶע אַרְבְּל! [אַמָאל זֶענֶען אַלֶע חֲסִידִישֶׁע אִידְן גֶעגַאנְגֶען מִיט בְּרֵייטֶע עֶרְמֶל אָן קְנֶעפְּלֶעךְ]; דָאס הֵייסְט מֶען קֶען זַיין אַ חֲסִידִי׳שֶׁער אִיד מִיטְן גַאנְצְן פְּרַאכְט, און אֲפִילוּ אַ בְּנָן שֶׁל קְדוֹשִׁים, און דָאךְ זַיין פוּל מִיט אַפִּיקוֹרְסוּת, וַוייל וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, הָאט עֶר אוֹיךְ אֱמוּנָה אִין יֶעדְן אִיד, און עֶר וֵוייסְט אַז יֶעדֶער אִיד אִיז חָשׁוּב און טַייעֶר בַּיים בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: מֶען דַארְף לִיבּ הָאבְּן אַ אִיד, וַוייל מֶען דַארְף לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַז מֶען הָאט לִיבּ דֶעם טַאטְן - הָאט מֶען לִיבּ די קִינְדֶער; פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַז מֶען הָאט לִיבּ די קִינְדֶער - אִיז אַ סִימָן אַז מֶען הָאט לִיבּ דֶעם טַאטְן.

## ג.

דָאךְ דַארְף מֶען בַּיי דֶעם אוֹיךְ הָאבְּן אַסַאךְ רַחֲמִים, וַוייל דֶער זֶעלְבֶּער רֶבִּי וָואס זָאגְט דָא (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב), אַז מֶען דַארְף דַן זַיין יֶעדֶע אִיד לְכַף זְכוּת, זָאגְט אוֹיךְ קְלָאר אִין סֵפֶר הַמִּדוֹת (אוֹת מְרִיבָה סִימָן פח): **אֵין מְלַמְדִין זְכוּת עַל הַמֵּסִית**; אַז אֵיינֶער רֶעדְט אָפֶען אַקֶעגְן בַּאשֶׁעפֶער, טָאר מֶען אִים נִישְׁט דַן זַיין לְכַף זְכוּת. וַוייל עֶר אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁט קַיין אִיד, נָאר פָּשׁוּט פוּן דִי עֶרֶב-רַב, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ (בְּרֵאשִׁית דַף כה ע"א): פַאר מִיר וֶועלְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן, וֶועלְן מִיר דַארְפְן זַיין אוּנְטֶערְן גָלוּת פוּן דִי עֶרֶב-רַב רַחֲמָנָא לִצְלָן, וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעמִישְׁט פוּן פִינֶעף פֶעלְקֶער בִּפְרַט פוּן עֲמָלֵק יִמַח שְׁמוֹ, אוּן זֵיי וֶועלְן זַיין אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְווִישְׁן אִידְן, 'אוּן אֲפִילוּ רַבָּנִים אוּן מַנְהִיגִים וֶועלְן לֵיידֶער זַיין פוּן דִי עֶרֶב-רַב'.

וִוי בַּאקַאנְט פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם (עַיֵין וַיוֹאֶל מֹשֶׁה מַאֲמַר שָׁלֹשׁ שָׁבוּעוֹת, סִימָן קעז), אַז דִי פּוֹשְׁעִים כַאפְּן זִיךְ

אַרוֹיף מִיט דִי טַעְנָה אַז דֶער הֵייליִגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט שְׁטֶענְדִיג מְלַמֵד זְכוּת גֶעוֶועֶן אוֹיף אִידְן! אַוַודַאי הָאט עֶר מְלַמֵד זְכוּת גֶעוֶועֶן, אָבֶער אוֹיף וֶועם?! אוֹיף צוּבְּרָאכֶענֶע אִידְן וָואס זֶענֶען פַארְיָאגְט עַל הַמְחְיָה וְעַל הַכַּלְכָּלָה, און דָאס בְּרֶענְגְט זֵיי צוּ וָואס עֶס בְּרֶענְגְט זֵיי, אַז זֵיי פַאלְן דוּרְךְ מִיט עֲבֵירוֹת וְכוּ׳! אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דִי מַעֲשֶׂה, אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעזֶעהְן וִוי אַ אִיד טוּט זִיךְ אָן זַיין טַלִית וּתְפִלִין, און אַזוֹי דַאוֶועוְנְדִיג שְׁמִירְט עֶר דִי רֶעדֶער פוּן זַיין וָואגְן עֶס זָאל זִיךְ גוּט דְרֵייעֶן, הָאט דֶער הֵייליִגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, און גֶעזָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! גֶעב אַ קוּק, ׳אִיוַואן׳ דֶער גוֹי שְׁמִירְט אוֹיף דִי רֶעדֶער, אָבֶער וָואס טוּט עֶר בִּיז דֶערְוַוייל? עֶר נֶעמְט אַרוֹיס אַ פְלֶעשְׁל וָואדְקֶע און טְרִינְקְט! אָבֶער אַ אִיד וֶוען עֶר שְׁמִירְט דִי רֶעדֶער דַאוֶועוְנְט עֶר...

אָבֶער וִוי אַזוֹי וִויל מֶען פַארְגְלַייכְן דִי פּוֹשְׁעִים וּמֵסִיתִים וּמַדִיחִים צוּ דֶעם?! דִי ׳מַסִיתִים וּמַדִיחִים׳, דִי פַאלְשֶׁע

מַנְהִיגִים זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין אִידְן, און אויף זֵיי אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא קַיין לִימוּד זְכוּת, וַוייל אויב מֶען פַארְפִירְט מֶענְטְשְׁן פון בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָאס 'עֶרֶב-רַב'.

די זֶעלְבֶּע זַאךְ אַז אֵיינֶער שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט צו רֶעדְן אויפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז נָאר מְגַלֶה די פָּשוּטֶ'ע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, און עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אויסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וַוייזְט זִיךְ אַרויס אַז עֶפֶּעס טויג נִישְׁט מִיט זַיין נְשָׁמָה, און מִיט זַיין אֱמוּנָה! וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז נָאר מְגַלֶה די פָּשוּטֶ'ע אֱמוּנָה, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, מִיט אִים, בַּיי אִים, לֶעבְן אִים.

און אַז אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט: אָבֶער וָואס הֵייסְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אִיךְ זֶעה דָאךְ אִים נִישְׁט? אִיז עֶר בְּלִינְד! אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (חֲגִיגָה יב ע"ב): וֵויי אִיז פַאר די מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְן אויגְן, אָבֶער זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס זֵיי זֶעהְן. און אויף די מֶענְטְשְׁן זָאגְט דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים קטו,

ה-ו): **פֶּה לָהֶם וְלֹא יְדַבֵּרוּ** - זֵיי הָאבְּן אַ מוֹיל, אָבֶּער זֵיי רֶעדְן נִישְׁט [צוּם בַּאשֶׁעפֶּער]; **עֵינַיִם לָהֶם וְלֹא יִרְאוּ** - זֵיי הָאבְּן אוֹיגְן, אוּן זֶעהְן נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער; **אָזְנַיִם לָהֶם וְלֹא יִשְׁמָעוּ** - זֵיי הָאבְּן אוֹיעֶרְן, אָבֶּער הֶערְן נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער; **אַף לָהֶם וְלֹא יְרִיחוּן** - זֵיי שְׁפִּירְן נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער; וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיז אִים זֵייעֶר פִּינְסְטֶער פַאר דִי אוֹיגְן.

ד.

אֵיי וֶועט אַ מֶענְטְשׁ טַעְנָה'ען: וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן אַז אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן?! אוֹיף דֶעם אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְגַלֶה, אַז מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן אִים אַלֶעס פַארְצֵיילְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהְן, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז אַלֶעס גְלַייךְ מוֹחֵל! וָואס דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן 'וִידוּי' (בַּמִדְבָּר ה, ז), אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין זַיינֶע עֲבֵירוֹת פַארְן בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶּער וַוארְט נָאר אַז אַ אִיד זָאל צוּ אִים קוּמֶען, אוּן

זָאגְן: אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, זַיי מִיר מוֹחֵל! אוּן גְלַייךְ אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֶעס מוֹחֵל; אַזוֹי וְוִי חֲזַ״ל זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחֻקוֹתַי, פֶּרֶק ח), אוֹיפְן פָּסוּק (וַיִּקְרָא כו, מ): **וְהִתְוַדּוּ אֶת עֲוֹנָם**; גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת אוֹיף אִים, אוּן עֶר אִיז אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעם. וַוייל בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דִי ׳וִידוּי׳ וָואס אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט, פּוּנְקְט אַזוֹי וְוִי אַ קִינְד וָואס הָאט גֶעטוּהְן עֶפֶּעס נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ, אָבֶּער אוֹיבּ קוּמְט עֶר נָאכְדֶעם צוּ זַיין טַאטֶע אוּן עֶר בֶּעט אִים: טַאטֶע! זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן. אִיז אִים זַיין טַאטֶע גְלַייךְ מוֹחֵל.

עֶס פְלֶעגְט זַיין דֶער סֵדֶר בַּיים הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז פַאר סוּכּוֹת הָאט מֶען אִים גֶעבְּרֶענְגְט עֶטְלִיכֶע קֶעסְטְלֶעךְ פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע אֶתְרוֹגִים וָואס אִיז נָאר גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען, אוּן פוּן דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער ׳צַאנְזֶער רָב׳ אוֹיסְגֶעקְלִיבְן דֶעם שֶׁענְסְטְן אֶתְרוֹג, אוּן דִי אִיבֶּערִיגֶע אֶתְרוֹגִים הָאט עֶר צוּטֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ,

און עֶר הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט אוֹיפְמַאכְן דִי קֶעסְטְלֶעךְ.

עֶר הָאט אָבֶער גֶעהַאט אַן אֵיינִיקֶל [וָואס עֶר אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער רֶבִּי] וָואס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן: אַז אִיךְ וֶועל וַוארְטְן בִּיז דִי זֵיידֶע וֶועט אוֹיסְקְלוֹיבְּן פַאר זִיךְ דֶעם שֶׁענְסְטְן אֶתְרוֹג, און בִּיז עֶר וֶועט צוּטֵיילְן פַּאר אַלֶע קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ, וֶוער וֵוייסְט וָואס וֶועט מִיר בְּלַייבְּן... הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען, אַז וֶוען קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט זֶעהְן וֶועט עֶר אוֹיפְמַאכְן דֶעם קֶעסְטְל און אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם שֶׁענְסְטְן אֶתְרוֹג, און אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּהְן.

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט אַוַודַאי מַרְגִישׁ גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט אוֹיפְגֶעמַאכְט דֶעם קֶעסְטְל, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶערֶעגְט, און עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן גֶעוָואר צוּ וֶוערְן וֶוער עֶס הָאט דָאס אוֹיפְגֶעמַאכְט, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָואר גֶעוָוארְן דוּרְךְ 'רוּחַ הַקוֹדֶשׁ' וֶועלְכֶער אֵיינִיקֶל הָאט דָאס גֶענוּמֶען, און וֶוען דֶער אֵיינִיקֶל אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען הָאט

עֶר אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְקוּקְן, און עֶר הָאט אִים פַּארְטְרִיבְּן, דֶער אֵיינִיקֶל הָאט אַיינְגֶעזֶעהְן אַז עֶר הָאט גֶעטוּהְן אַ פַארְבְּרֶעךְ, און אַז עֶר הָאט זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען דֶעם זֵיידְן, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם זֵיידְן מִיט גְרוֹיס הַכְנָעָה, און אִים גֶעזָאגְט: זֵיידֶע! אִיךְ וִויל שוֹין זַיין וואוֹיל. הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב גֶעזָאגְט: אַזוֹי, דוּ וִוילְסְט שוֹין זַיין וואוֹיל? אִיךְ וִויל שוֹין אוֹיךְ זַיין וואוֹיל! און עֶר הָאט אִים גְלַייךְ מוֹחֵל גֶעוֶוען, בִּתְנַאי אַז עֶר זָאל דָאס מֶער נִישְׁט טוּהְן.

זֶעהְט מֶען פון דֶעם, אַז אֲפִילוּ אַ בָּשָׂר וָדָם[3] וָואס מֶען הָאט אִים גָאר שְׁטַארְק מְצַעֵר גֶעוֶוען, דָאךְ אַז מֶען קוּמְט

[3] כָּאטְשִׁיג דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס און עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט מִיט אַלֶע דְרֵיי עַמוּדֵי עוֹלָם: תּוֹרָה, עֲבוֹדָה, און גְמִילוּת חֲסָדִים אוֹיפְן גְרֶעסְטְן פַארְנֶעם, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאקַאנְט, אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'גָאוֹן עוֹלָם'; און אוֹיךְ זַיין הֵיילִיגֶע 'תְּפִלּוֹת' וָואס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חַיוֹת און בְּרֶען, וָואס פְּלֶעגְט מַרְעִישׁ עוֹלָמוֹת זַיין; אַזוֹי אוֹיךְ מִיט 'גְמִילוּת חֲסָדִים' און 'צְדָקָה' אִיז עֶר דָאךְ גֶעוֶוען אַ יָחִיד בְּדוֹרוֹ, מִיטְן פַארְטֵיילְן אַזוֹיפִיל צְדָקָה וואוּ עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט; פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעהַאט זַיינֶע כַּוָונוֹת און עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶערֶעגְט אוֹיף

אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן, אוּן מֶען זָאגְט צוּ, אַז מֶען וֶועט שׁוֹין זַיין וואוֹיל, אִיז עֶר גְלַייךְ מוֹחֵל, עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה אָז קַיין שׁוּם צוּגְלַייךְ, וֶוען אַ אִיד קוּמְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן אַז אִיךְ בִּין אַ ׳בָּחוּר׳ אוּן אִיךְ וֶוער נִכְשָׁל אִין דֶעם בִּיטֶערְן חֵטְא, אִיךְ בִּין דָאךְ גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, אִיךְ בִּין גְרֵייט שׁוֹין יֶעצְט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת!״ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז זֵייעֶר גֶעדְרוּקְט אִין פַּרְנָסָה, אָדֶער עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן עֶר קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר זָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן, אוּן אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין וואוֹיל! הֶעלְף מִיר, אִיךְ דַארְף אַ יְשׁוּעָה. וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַוַודַאי גְלַייךְ מוֹחֵל זַיין.

---

דֶעם אַז מֶען הָאט צוּגֶערִירְט דִי אֶתְרוֹגִים, אָבֶּער דִי רֶגַע אַז מֶען הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן אוּן גֶעזָאגְט: אִיךְ וִויל שׁוֹין זַיין וואוֹיל. הָאט עֶר גְלַייךְ מוֹחֵל גֶעוֶוען.

דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ, טו): **בִּלְעָם** אִיז גֶעוֶוען אַ קְלוּגֶער רָשָׁע, אוּן עֶר הָאט גֶעוִויסְט דֶעם גְרוֹיסְן כֹּחַ פוּן 'ווידוּי', אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט, אָבֶער וִוי נָאר עֶר זָאגְט 'חָטָאתִי' - עֶר זָאגְט אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, הָאט קַיין שׁוּם מַלְאָךְ נִישְׁט קֵיין רְשׁוּת אִים אָנְצוּרִירְן. וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר פְּרָאבִּירְט אוֹיף אַלֶע מִינֵי וֶועגְן צוּ שֶׁעלְטְן דִי אִידְן, כְּדֵי זֵיי זָאלְן זִיךְ מֶער נִישְׁט קֶענֶען מִתְוַדֶה זַיין, אָבֶער עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַלֶע זַיינֶע **קְלָלוֹת** פַּאר **'בְּרָכוֹת'**; דָאס הֵייסְט, כָּאטְשׁ עֶר הָאט גֶעוָואלְט זָאגְן אַז אַ אִידְן זֶענֶען דִי עֶרְגְסְטֶע, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אוּן מִיט גֶעוַואלְד הָאט עֶר גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין, אַז אַקֶעגְן דִי גוֹיִם לְהַבְדִּיל אֶלֶף אַלְפֵי הַבְדָּלוֹת, זֶענֶען דִי אִידְן גָאר אַ הֵיילִיג פָּאלְק, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף זֵיי.

דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה** טַייטְשְׁט מִיט דֶעם (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת רֵאשִׁית הַגֵּז, הֲלָכָה ד, אוֹת ד), דָאס וָואס דֶער נָבִיא

זָאגְט (עָמוֹס ט, ז): **הֲלוֹא כִבְנֵי כֻשִׁיִּים אַתֶּם לִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְכוּ׳** – אִיר זֶענְט אַזוֹי וִוי דִי נִידֶערִיגְסְטֶע שְׁוַוארְצֶע גוֹיִם. פְּרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן: וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דֶער נָבִיא זָאל צוּגְלַייכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִי שְׁוַוארְצֶע בְּנֵי חָם?! נָאר דֶעמָאלְטְס אִיז גֶעוֶועןאַ גְרוֹיסֶע קִטְרוּג אוֹיף דִי אִידְן, אוּן וִויפִיל דֶער נָבִיא הָאט נָאר פְּרוּבִּירְט מְלַמֵד זְכוּת צוּ זַיין אוֹיף דִי אִידְן, אִיז עֶס אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, וַוייל יֶעדֶער הָאט נָאר מְקַטְרֵג גֶעוֶוען [צוּ מְקַטְרֵג זַיין אִיז זֵייעֶר גְרִינְג], דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה, אוּן גֶעזָאגְט: וֵוייסְט אִיר וָואס? דִי אִידְן זֶענֶען טַאקֶע נִישְׁט מֶער וִוי נִידֶערִיגֶע גוֹיִם! וִוי נָאר עֶר הָאט צוּגֶעגְלִיכְן דִי אִידְן צוּ לְהַבְדִיל דִי גוֹיִם, הָאט מֶען שׁוֹין קְלָאר גֶעזֶעהְן אַ רִיזִיגְן חִילוּק פוּנֶעם אִיד בִּיזְן גוֹי, ״וַוייל דֶער עֶרְגְסְטֶער אִיד אִיז נָאךְ אַלְץ בֶּעסֶער וִוי דֶער בֶּעסְטֶער גוֹי״, וַוייל אַ גוֹי אִיז אַ רוֹצֵחַ! אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט (סִפְרֵי בְּהַעֲלוֹתְךָ, פִּיסְקָא סט): **הֲלָכָה בְּיָדוּעַ שֶׁעֵשָׂיו שׂוֹנֵא לְיַעֲקֹב** – אַ גוֹי הָאט פַיינְט אַ אִיד; אוּן עֶר ווִיל אִים נָאר הַרְגֶ׳עֶנֶען, בְּלוֹיז וַוייל עֶר אִיז אַ אִיד, אַ גוֹי וֶוען עֶר זֶעהְט אַ אִיד קֶען

עֶר דָאס נִישְׁט פַארְנֶעמֶען, און דָאס גֵייט אַרוֹיף סֵיי אוֹיף עֵשָׂיו און סֵיי אוֹיף יִשְׁמָעֵאל, וָואס אַלֶע זִיבֶּעצִיג פֶּעלְקֶער קוּמֶען אַרוֹיס פון דִי צְוֵויי: פוּנֶעף און דְרַייסִיג פון 'עֵשָׂיו', און פוּנֶעף און דְרַייסִיג פון 'יִשְׁמָעֵאל'.

חַזַ"ל זָאגְן (מוֹעֵד קָטָן ט"ז ע"ב): **מַה כּוּשִׁי מְשׁוּנֶּה בְּעוֹרוֹ אַף יִשְׂרָאֵל מְשׁוּנִין בְּמַעֲשֵׂיהֶן מִכָּל הָאוּמוֹת** - פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט טוֹישְׁן דִי הוֹיט פון אַ שְׁוַוארְצֶער כּוּשִׁי אוֹיף וַוייס, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז אַ אִיד אַנְדֶערְשׁ וִוי אַלֶע אוּמוֹת הָעוֹלָם[4].

## ה.

דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם אֱמֶתְ'ן צַדִיק, אַז עֶר קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת, און אוֹיפְהֵייבְּן יֶעדֶער וָואס אִיז גֶעפַאלְן און צוּבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, און אִים וַוייזְן: אַדְרַבָּא! דַוְקָא אַז 'דוּ' וֶועסְט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

---

[4] נָאר לֵיידֶער אִיז אַרַיינְגֶעמִישְׁט גֶעוָוארְן צְווִישְׁן אִידְן דִי 'עֵרֶב-רַב' וָואס זֵיי מַאכְן אָן אַלֶע צָרוֹת.

וֶועסְטוּ גוֹרֵם זַיין אַ מוֹרָא׳דִיגֶע פַּארְגֶעניגְן פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל אִין הִימְל אִיז מֶען זִיךְ מוֹרָא׳דִיג מְשַׁעֲשֵׁעַ מִיט אַ מֶענְטְשׁ וָואס כָאטְשִׁיג עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ מוֹרָא׳דִיגֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוּן שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דָאךְ וֶוערְט עֶר נִישְׁט מִיד אוּן נָאכְגֶעלָאזְט, נָאר עֶר קוּמְט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תקנה): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן חָסִיד; אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען בְּרָאט אַ הִינְדְל, אוּן מֶען דְרֵייט עֶס אַרוּם אִין אַלֶע זַייטְן פוּנֶעם פַּייעֶר, כְּדֵי עֶס זָאל וֶוערְן גוּט אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט, הָאט דָאס נָאכְדֶעם אַלֶע טַעֲמִים [דִי וָואס לִיגְן אִין דֶעם פַּארְשְׁטֵייעֶן דֶערְצוּ], דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אִים דוּרְךְ פִּיל אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער אִין זַיין לֶעבְּן: פוּן זִיךְ, פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, פוּן זַיין וַוייבּ, אוּן פוּן סְתַּם מֶענְטְשְׁן; אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חִידוּשׁ אִין הִימְל, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט פַאר דִי מַלְאָכִים וְחַיוֹת וְאוֹפַנֵּי הַקוֹדֶשׁ: וַוייזְט מִיר אוֹיבּ אִיר קֶענְט דָאס בַּאוַוייזְן!

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער טַעַם פַארְוָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר דִי מַלְאָכִים 'בָּשָׂר וְחָלָב', וַוייל עֶר הָאט זֵיי גֶעוָואלְט וַוייזְן אַז כָאטְשִׁיג אַ אִיד מַאכְט מִיט אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ עַל הַמִחְיָה וְעַל הַכַּלְכָּלָה, בִּיז עֶר שַׁאפְט פַּרְנָסָה, אוּן בִּיז עֶר גְרֵייט צוּ עֶפֶּעס עֶסְן, דָאךְ קֶען עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, לָאמִיר זֶעהְן אוֹיבּ אִיר וָואלְט דָאס גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן, מְמֵילָא זָאלְט אִיר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף אִידְן.

ו.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, בִּפְרַט אַ בָּחוּר וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ דִי גְרֶעסְטֶע צַעַר, "וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא צַעַר ווִי דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר", וָואס עֶר הַאלְט אִין אֵיין טְרַאכְטְן: וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן?! דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז אֵיינְמָאל עֶר וֶוערְט גֶעהָאלְפְן אוּן עֶר הָאט חֲתוּנָה, פַארְגֶעסְט עֶר אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען

אַ בָּחוּר, אוּן עֶר וִויל שׁוֹין נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אַ בָּחוּר, אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט בִּכְלַל נִישְׁט פַארְוָואס מֶען פַארְפִירְט אַזוֹי, עֶר טַעֲנָה'ט שׁוֹין: נֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט אַזַאלֶעכֶע נִסְיוֹנוֹת! בִּשְׁעַת דָאס אִיז אַ פָּשׁוּטֶ'ע לִיגֶענְט, וַוייל אַז עֶס שְׁטֵייט שׁוֹין אִין **רֵאשִׁית חָכְמָה** (שַׁעַר הַתְּשׁוּבָה פֶּרֶק ג), אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז נִישְׁט דָא קַיין אֵיין בָּחוּר וָואס עֶר זָאל זַיין רֵיין פוּן דֶעם חֵטְא. וָואס דָאס הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר פִיר הוּנְדֶערְט אוּן זֶעכְצִיג יָאר צוּרִיק[5], אִין צְפַת וָואס עֶס אִיז דֶעמָאלְטְס גֶעוֶוען דָארְט דִי שֶׁענְסְטֶע קְהִלָּה זַייט חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ[6], אוּן אֲפִילוּ - לְהַבְדִיל אַלְפֵי הַבְדָּלוֹת - דִי גוֹיטֶעס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַרוּמְגֶעבִּינְדְן מִיט שְׁמַאטֶעס אַז מֶען הָאט

[5] עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ, אוּן אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רְמַ"ק, [עֶר לִיגְט אִין 'חֶבְרוֹן' דָארְט וואוּ עֶס לִיגְט אוֹיךְ דֶער בַּעַל 'מְלֶאכֶת שְׁלֹמֹה' עַל מִשְׁנָיוֹת, אוּן דֶער 'שְׂדֵי חֶמֶד' זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ].

[6] דֶער 'רֶבִּי' אִיז גֶעוֶוען דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ; 'רָב' אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף; 'שַׁמָּשׁ' דֶער הֵיילִיגֶער חֲרֵדִים; 'בַּעַל תְּפִלָּה' דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁלֹמֹה אֶלְקָבֵּץ; 'בַּעַל דַּרְשָׁן' דֶער אַלְשִׁיךְ הַקָּדוֹשׁ. אַזוֹי וַוייט אַז מֶען הָאט דֶעמָאלְטְס גֶעוָואלְט מַאכְן סְמִיכָה אוּן צוּרִיקְשְׁטֶעלְן דִי סַנְהֶדְרִין נָאכְאַמָאל (כַּמְּבוֹאָר בְּקוּנְטְרֵס הַסְּמִיכָה למהרלב"ח זלה"ה).

קוים אַרוּיסְגֶעזֶעהְן די אויגְן, דָאךְ זָאגְט עֶר, אַז קַיין אֵיין בָּחוּר אִיז נִישְׁט רֵיין פון דֶעם בִּיטֶערְן חֵטְא, אויב אַזוֹי וָואס זָאל מֶען זָאגְן הַיינְט וָוען אַלֶעס אִיז אָפֶען, און די גוֹיִם גֵייעֶן נַאקֶעט מַמָש ווי חַיוֹת?! און אויב אִיז דָאס נִישְׁט גֶענוּג טְרָאגְט מֶען זִיךְ לֵיידֶער אַרוּם אִין די טַאשׁ מִיט די אַלֶע שְׁמוּץ, וֶועמֶען וויל מֶען נַארְן? דֶערְפַאר דַארְף מֶען די מֶערְסְטֶע רַחְמָנוּת הָאבְּן אויף בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ, און זִיךְ זָארְגְן אַז זֵיי זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס יוּנְגֶער.

אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אֶבֶן הָעֶזֶר סִימָן א, סְעִיף ג) וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט, אַז די מִצְוָה מִן הַמֻּבְחָר אִיז אַז מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן בַּיי די דְרַייצְן יָאר, אָבֶער אֵיינְמָאל אַז מֶען וֶוערְט זִיבֶּעצְן יָאר [און מֶען גֵייט שׁוֹין אַרַיין אִין דֶעם אַכְצֶענְטְן יָאר] דַארְף מֶען שׁוֹין זִיכֶער לוֹיט אַלֶע פּוֹסְקִים חֲתוּנָה הָאבְּן (עַיֵין בְּבֵית שְׁמוּאֵל שָׁם סְעִיף קָטָן ג), און נִישְׁט וַוארְטְן אויף גָארְנִישְׁט, אַוַודַאי נִישְׁט אויף כָּבוֹד און אויף אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה נָאמֶען, און צוּלִיב דֶעם לָאזְן די קִינְדֶער לַיידְן בִּיז דֶערְוַוייל; ״וֶוען מֶען זָאל זִיךְ וֶוען צַאמְנֶעמֶען, און

אַיינְפִירְן אַ תַּקָנָה ׳מֶען זָאל חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער פְּרִי׳, וָואלְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט דֶעם גַאנְצְן דוֹר!״ אוּן דָאס וָואלְט גֶעוֶוען אַ זִיכֶערֶע אוּן רִיכְטִיגֶע שְׁרִיט ׳לְמַעַן טוֹהַר מַחֲנֵינוּ׳[7].

עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס טַעְנָה׳נֶען: וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ חֲתוּנָה מַאכְן מַיין זוּהְן אַזוֹי יוּנְג, עֶר אִיז דָאךְ נָאךְ אַ קִינְד? וִוי אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת?! דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם אִיז: עֶרְשְׁטֶענְס, מֶען קֶען אַ קִינְד אוֹיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן

[7] דִי פַּארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס זֵיי זֶענֶען דִי אֱמֶתְ׳ע עֵרֶב רַב, הָאבְּן גֶעוָואלְט חָלִילָה מַאכְן אַ גֶעזֶעץ אַז מֶען זָאל נִשְׁט טָארְן חֲתוּנָה הָאבְּן בִּיז דִי אַכְצְן, אַנְדֶערְשׁ וִוי בִּיז הַיינְט וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעלָאזְט פוּן דִי זִיבֶּעצְן (לֵיידֶער בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים אִיז דֶער גֶעזֶעץ יֶעצְט בַּאשְׁטֶעטִיגְט גֶעוָוארְן), דָא אִין ׳נוּא יָארְק׳ אִיז דֶער גֶעזֶעץ אַז בַּיי דִי ׳זֶעכְצְן׳ יָאר קֶען מֶען שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אִין ׳טֶעקְסֶעס׳ קֶען מֶען שׁוֹין לוֹיט דִי גֶעזֶעץ בַּיי דִי פֶערְצְן יָאר חֲתוּנָה הָאבְּן, הַלְוַואי הַלְוַואי וָואלְט מֶען דָאס אָנְגֶענוּמֶען, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (מִדְרָשׁ אֵיכָה ב, יג): ׳חָכְמָה׳ קֶען מֶען בַּיי דִי גוֹיִם אוֹיךְ טְרֶעפְן; כָאטְשִׁיג פַאר זֵיי אַלֵיין אִיז דָאס מְמֵילָא נִשְׁט נוֹגֵעַ, וַוייל זֵיי לֶעבְּן וִוי חַיוֹת אוּן מוּפְקָרִים, אָבֶּער בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואלְטְן מֶען גֶעדַארְפְט אַיינְפִירְן אַזַא תַּקָנָה, אָבֶּער לֵיידֶער אִיז דֶערְוַוייל נִשְׁט דָא צוּ וֶועמֶען צוּ רֶעדְן, אוּן מֶען קוּקְט דָאס נָאךְ אָן וִוילְד פְרֶעמְד, אַזוֹי וִוי אֵיינֶער זָאל נֶעמֶען אַ שׁוֹפָר אוּן בְּלָאזְן אִין חֲנוּכָּה אָדֶער אִין אַנְדֶערֶע יוֹם טוֹב אוֹיסֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

בַּאזֶעצְן וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט אַ שְׁטוּבּ, און וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט זִיךְ אוּם אִין לֶעבְּן[8]; נָאכְדֶעם אַדְרַבָּא זָאל מֶען זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן דִי מְצִיאוּת, צוּ אַן אַלְטֶער בָּאק וָואס הָאט חֲתוּנָה בַּיי פֶערְצִיג יָאר שְׁלָאגְט זִיךְ דֶען נִישְׁט אַרוּם מִיט זַיין וַוייבּ לֵיידֶער?!

מַיין טַאטֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה [הַגָּאוֹן הַצַדִיק בַּעַל 'מִנְחַת זְאֵב' מִטָאקֵיי זֵכֶר צַדִיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה] הָאט גֶעהַאט אַמָאל אַ דִין תּוֹרָה[9] פוּן אַ אַלְטְן פָּארְפָאלְק [דֶער מַאן אִיז גֶעוֶוען זֶעקְס און אַכְצִיג יָאר - און דִי פְּרוֹי פִיר און אַכְצִיג יָאר], און

---

[8] בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאוִויזְן, וִוי יוּנְגֶע קִינְדֶער הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט שְׁטוּבֶּער לְתִפְאֶרֶת, און עֶס פֶּעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיוּת, יֶעדֶער הָאט אַ קַאר, אַ אֵייגֶענֶע הוֹיז, און אַלֶע אַנְדֶערֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן וָואס אִיז נָאר שַׁיָיךְ, אַלֶעס הָאבְּן זֵיי בָּרוּךְ הַשֵּׁם, און אַנְדֶערֶע וָואלְטְן עֶס אוֹיךְ פוּנְקְט אַזוֹי גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן, נָאר דִי רְשָׁעִים אֲרוּרִים דִי עֵרֶב-רַב אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבְּן זִיךְ פַארְלֵייגְט אוֹיף דֶעם, און אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט בַּאצָאלְט פַארְדֶעם זֶעכְצְן יָאר תְּפִיסָה, הָאבּ אִיךְ עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מֶער אוֹיסְפִירְן, [דָאס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ אַז מֶען זָאל גֵיין אִין תְּפִיסָה צוּלִיבּ דֶעם].

[9] וִוי בַּאקַאנְט אִיז דֶער טָאקֵייעֶר רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעוֶועזְן פוּן דִי גְרֶעסְטֶע דַיָינִים דָא אִין אַמֶערִיקֶע, פֶערְצִיג יָאר הָאט עֶר גֶעפִירְט דִין תּוֹרָה'ס אִין 'הִתְאַחֲדוּת הָרַבָּנִים'.

ער האָט זיך נאָר געוואָלט גט׳ן! פרעגט אים מיין טאַטע מיט וואונדער: יעצט האָט איר זיך דערמאָנט?! זאָגט ער: לעולם פון די טאָג פון די חתונה, האָט זי שוין נישט געטויגט, נאָר וויבאַלד זי איז שוין ׳מעוברת׳ געוואָרן, און מען דאַרף שוין מאַכן אַ ברית, נאָכדעם האָט ער שוין געוואַרט ווען דער קינד וועט אויפוואַקסן, אינצווישן האָט ער שוין געהאַט נאָך עטליכע קינדער, און אַזוי האָבן זיי זיך אַרום געע׳הרג׳עט די אַלע יאָרן, און נאָכדעם ווען די קינדער זענען עלטער געוואָרן האָט עס שוין נישט געפּאַסט וועגן די קינדער, אָבער זיי האָבן באַשלאָסן, אַז איינמאָל מען וועט זיי חתונה מאַכן וועט מען זיך גט׳ן. נו פאַרוואָס האָסטו זיך דערמאָלטס נישט געע׳גט? איך האָב געוואַרט אויף די אייניקלעך, אָבער יעצט אַז מיר האָבן שוין איר אייניקלעך קען מען זיך שוין גט׳ן... און וויפיל מען האָט זיי פּרובירט אָפּצורעדן דערפון זיי זאָלן זיך נישט נאַריש מאַכן, האָט גאָרנישט געהאָלפן, און זיי האָבן זיך ליידער געע׳גט, גלייך נאָכדעם איז ער אַוועק, איז זי געבליבן אַ אַלמנה און אַ גרושה צוזאַמען...

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ז): אַ 'מַנְהִיג' אִיז דֶער וָואס אִיז אַ 'רַחֲמָן', וַוייל נָאר מִיט רַחֲמָנוּת קֶען מֶען פִירְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דִי גְרֶעסְטֶע רַחֲמָנוּת אִיז צוּ רַאטֶעוֶועןּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, סֵיי בָּחוּרִים אוּן סֵיי מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן חַתוּנָה הָאבְּן אוּן נִישְׁט זִינְדִיגְן, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת סד ע"ב): **זֶה יִצְרוֹ מִבַּחוּץ וְזוּ יִצְרָהּ מִבִּפְנִים**; דָאס הֵייסְט אַ מַנְהִיג! נִישְׁט אַז עֶר הָאט טוֹיזֶענְט, אָדֶער צֶען טוֹיזֶענְט, צוּ אֲפִילוּ הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְט מֶענְטְשְׁן, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ גָארְנִישְׁט אִין דֶעם, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פַּארְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג מֵהַשִּׁבְעָה בֶּעטְלִירְס): עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר אִיז אַ 'מִיעוּט הַמַּחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה', וַוייל עֶר טְרָאגְט אוּנְטֶער זִיךְ צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר זָארְגְט זִיךְ פַאר אַלֶע זֵייעֶרֶע גֶעבְּרוֹיכְן, הָאט מֶען פוּן אִים גֶעלַאכְט, אוּן אֵיינֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: דוּ הָאסְט אַזַא פָּנִים וִוי יֶענֶער וָואס אִיז גֶעזִיצְן אוֹיף אַ בַּארְג פוּן שְׁמוּץ, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּהְן אַז דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן מִיר...

דָאס הֵייסְט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט רַחֲמָנָא לִצְלָן שְׁמוּץ אִין זַיין קָאפּ מִיט דֶעם וָואס עֶר טְרַאכְט שְׁמוּצִיגֶע גֶעדַאנְקֶען פוּן נִיאוּף וְכוּ׳, אוּן וֶוען מֶען קוּמְט זיךְ צַאם בַּיי אַ רֶבִּי׳ן, וֶוערְט דָארְט אַ בַּארְג פוּן שְׁמוּץ פוּן דִי אַלֶע אוּמְרֵיינֶע מוֹחוֹת, קוּמְט אוֹיס אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם אוֹיפְטוּה אַז עֶר זִיצְט אוֹיף אַ בַּארְג פוּן שְׁמוּץ, אוּן אַלֶעס קוּמְט פוּן אִים, אוּן דָאס זֶענֶען זַיינֶע מֶענְטְשְׁן.

אָבֶער אַ אֱמֶתְ׳ער מַנְהִיג אִיז דֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט יֶעדְן אִיד, וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז יֶעדֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמָה אַ ׳חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל׳, אוּן אַ שְׁטִיק גֶעטְלִיכְקֵייט, נָאר דָאס אִיז נֶעבֶעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין טִינוֹפֶת, דֶערְפַאר דַארְף מֶען דָאס אוֹיסְוַואשְׁן, אוֹיסְרֵיינִיגְן, אוּן אָנְטוּהְן מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַן אֱמֶתְ׳ן מַנְהִיג, וָואס עֶס גֵייט אִים אִין לֶעבְּן צוּ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, סְפֶּעצִיֶעל אַז מֶען זָאל חֲתוּנָה מַאכְן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וִוי פְּרִיעֶר, אוּן אַזוֹי אַרוּם זֵיי רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פט), אַז דֶער צַדִּיק אִיז דֶער שַׁדְכָן וָואס דוּרְךְ אִים גֶעשֶׁעהְן אַלֶע שִׁידוּכִים; אָבֶּער דֶער צַדִּיק אִיז נִישְׁט בְּלוֹיז וִוי אַ גֶעוֶוענְטְלִיכֶער שַׁדְכָן, וָואס אֵיינְמָאל אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם שִׁידוּךְ, אוּן מֶען הָאט אִים אִים בַּאצָאלְט זַיין 'שַׁדְכָנוּת גֶעלְט' אִיז עֶר פֶערְטִיג מִיט זַיין שַׁדְכָנוּת, נֵיין! דֶער צַדִּיק אִיז אַ שַׁדְכָן נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוֹיךְ! וַוייל מַאכְן אַ חוּפָּה אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן אִיז דִי גְרִינְגְסְטֶע זַאךְ... מֶען שְׁטֶעלְט אַוֶועק אַ חוּפָּה, מֶען בְּרֶענְגְט דִי חָתָן אוּן מֶען זִינְגְט 'מִי אַדִּיר', נָאכְדֶעם קוּמְט דִי כַּלָּה, אוּן זִי דְרֵייט זִיךְ אַרוּם זִיבְּן מָאל, מֶען לֵיינְט דִי כְּתוּבָּה, אוּן מֶען זָאגְט דִי בְּרָכוֹת, אוּן מֶען ווּאוּנְטְשְׁט זִיךְ מַזָל טוֹב, אוּן מִיט דֶעם אִיז דִי חוּפָּה פֶּערְטִיג, אָבֶּער דִי פוּפְצְן מִינוּט - וִוילַאנְג עֶס דוֹיעֶרְט דִי חוּפָּה - טוֹישְׁט בִּכְלַל נִישְׁט דֶעם בָּחוּר, אוּן גְלַייךְ דֶעם אַנְדֶערְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי רַייסְט מֶען זִיךְ שׁוֹין בַּיי דִי קֶעפּ. וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן דֶעם צַדִּיק פַאר אַ שַׁדְכָן אוֹיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה, עֶר זָאל מִיר אַרַיינְגֶעבְּן אַבִּיסְל שֵׂכֶל אוּן מִיר אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אִינֶעם צוּזַאם-לֶעבְּן,

וָואס דָאס דַארְף אִיךְ שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן, יֶעדְן טָאג און יֶעדְן שָׁעָה דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן.

מֶען הֶערְט לֵיידֶער אַזוֹיפִיל פֶּעלֶער וִוי מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִין אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער בִּיז עֶס קוּמְט רַחֲמָנָא לִצְלָן צוּ אַ גֶט, נָאכְדֶעם וָואס טַאטֶע און מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ אַזוֹיפִיל גֶעמוּטְשֶׁעט און זִיךְ פַּאר׳חוֹבוֹתְ׳ט מִיט אַזוֹיפִיל חוֹבוֹת, בִּיז מֶען הָאט עֶנְדְלִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער אוּנְטֶער דִי חוּפָּה, און וֶועגְן נַארִישְׁקֵייטְן וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דֶעם רִיכְטִיגְן לִימוּד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס עֶר לֶערְנְט אוֹיס אַז מֶען דַארְף דַן זַיין לְכַף זְכוּת בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ, אִיז נֶעבֶּעךְ דִי שְׁטוּבּ גֶעוָוארְן צוּבְּרָאכְן! עֶר שְׁרֵייט: זִי אִיז אַ מַרְשַׁעַת! זִי שְׁרֵייט: נֵיין, עֶר אִיז אַ רָשָׁע. עֶס קֶען זַיין אַז זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע גֶערֶעכְט, ׳עֶר אִיז אַ רָשָׁע, און זִי אַ מַרְשַׁעַת׳, וַוייל אַז מֶען בַּאקוּמְט נִישְׁט דֶעם ׳שֵׂכֶל׳ פוּן צַדִיק, הָאט עֶס טַאקֶע אַזַא פָּנִים.

אָבֶּער אַז מֶען הָאט ׳שֵׂכֶל׳, וֶוערְט דִי שְׁטוּבּ מַמָשׁ אַ ׳גַן עֵדֶן׳, און דֶער מַאן און וַוייבּ לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט און

שָׁלוֹם אַזוֹי ווִי אָדָם מִיט חַוָּה פַּארְן חֵטְא, וָואס דִי מַלְאָכִים זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען און גֶעקוּקְט וִוי עֶס פֶּעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, כה): וַיִּהְיוּ שְׁנֵיהֶם עֲרוּמִּים וְכוּ׳, וְלֹא יִתְבּוֹשָׁשׁוּ; זֵיי הָאבְּן אַרוֹיס גֶעזֶעהְן ׳אֱלֹקוּת׳ פוּן יֶעדֶע זַאךְ. בִּיז דֶער ׳נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי׳ הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט אַ קִנְאָה אִין זֵיי, און אַזוֹי צוּבְּרָאכְן זֵייעֶר גוּטֶע לֶעבְּן.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען הָאבְּן דֶעם צַדִיק נָאךְ דִי חֲתוּנָּה, דִיר אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן דַיינֶע נֶערְוְון אִין שְׁטוּב, פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, זַיי דַן לְכַף זְכוּת אִין שְׁטוּב, זָאג אַ גוּט וָוארְט פַּאר דַיין וַוייבּ, קַארְג נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַזוֹי אוֹיךְ זַיי מְכַבֵּד דַיין שְׁוֶוער און שְׁוִויגֶער, און אֲפִילוּ אַז זִי פַּארְטְרָאגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט שְׁוֶוער און שְׁוִויגֶער [דַיינֶע עֶלְטֶערְן], דַארְפְסְטוּ אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, און ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין, וַוייל חַזַ״ל זָאגְן (מִדְרָשׁ מַעֲשֶׂה טוֹבָה): אַז אַ שְׁנִיר מִיט אַ שְׁוִויגֶער קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגְלַייכְן. אַזוֹי וִוי חַזַ״ל פַּארְצֵיילְן (שַׁבָּת כו ע״א): עֶס אִיז

גֶעוֶוען אַ שְׁוִויגֶער[10] וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט לַיידְן דִי שְׁנִיר, הָאט זִי אִיר גֶעקוֹיפְט אַ גוּטֶע 'פֶּערְפְיוּם' וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען פוּן אַ מַאטְרִיַאל וָואס בְּרֶענְט, אוּן זִי הָאט גֶעזָאגְט צוּם שְׁנִיר: שְׁמִירְט דִיךְ אָן מִיט דֶעם. אוּן זִי הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁמִירְט דֶערְמִיט, דֶערְנָאךְ זָאגְט זִי אִיר: טוּה אַ טוֹבָה אוּן גֵיי צִינְד אָן דִי לֶעכְט [אַזוֹי וִוי הַיינְט דִי לֶעקְטֶער]. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער פַייעֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעכַאפְּט אִין אִיר, אִין זִי אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן! דֶערְפַאר דַארְף מֶען דָאךְ הָאבְּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן אַז דֶער שְׁוֶוער אוּן דִי שְׁוִויגֶער זָאלְן שְׁטֶענְדִיג זַיין גֶערֶעכְט[11], אוּן אַז דִי שְׁטוּב

[10] אוּן אוֹיבּ חַזַ"ל פַארְצֵיילְן אַזַא מַעֲשֶׂה, אִיז אַ סִימָן אַז דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס פַּאסִירְט שְׁטֶענְדִיג.

[11] אוּן אַז זֵיי פַארְלַאנְגֶען אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין צוּ דִי בְּרֶסְלְבֶ'ער, נֶעם זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'ן, נָאר זַיי מַסְכִּים, אוּן זָאג זֵיי: אִיךְ גֵיי נִישְׁט מֶער! אוּן שׁוֹין, אוֹיבּ וָוארֶענֶען זֵיי: דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, זָאג זֵיי: אִיךְ פָאר נִישְׁט אִין אוּמַאן, אוּן אַזוֹי בִּיזְטוּ פַארְטִיג מִיט אַלֶע קְרִיגֶערַייעֶן, וַוייל אוֹיבּ דוּ וֶועסְט וִויסְן וִויאַזוֹי זִיךְ פִירְן אִין שְׁטוּבּ, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין גוּט מִיט דַיין וַוייבּ, וֶועט זִי אַלֵיינְס דִיר שׁוֹין אוֹיסְבַּאהַאלְטְן, אוּן זִי וֶועט זָאגְן: טַאטֶע! עֶר אִיז נִישְׁט גֶעפָארְן אִין אוּמַאן, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ יֶענֶעם אָדֶער יֶענֶעם רֶבִּי'ן, וָואס דָארְט מֶעג עֶר פָארְן אוּן עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ, [דָארְט מֶעג מֶען רוּאִיג

## שְׁטֵייט אוֹיף גוּטֶע יְסוֹדוֹת, אַז דֶער מַאן אוּן וַוייבּ קְרִיגְן זִיךְ נִישְׁט, וֶוערְט שׁוֹין מְמֵילָא אוֹיסְגֶעגְלִיכְן אַלֶע אַרוּמִיגֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קָאנְפְלִיקְטְן.

---

אַוֶועק פָּארְן אוֹיף אַ וָואךְ צְוֵויי בִּיז נָאךְ יוֹם הַקָדוֹשׁ, אוּן דָא אַז מֶען פָּארְט נָאר אוֹיף אַפָּאר טֶעג מַאכְט מֶען אַ גֶעוַואלְד].

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז רֶבִּי אֶפְרַיִם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה [אַ זוּהְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נַפְתָּלִי וָואס עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּזַאמֶען מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן] הָאט זִיךְ אוֹיף דֶער עֶלְטֶער בַּאזֶעצְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אִים פַארְבֶּענְקְט צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אִין אוּמַאן, אָבֶער אַלֶע מֶענְטְשְׁן אוּן אֲפִילוּ רַבָּנִים הָאבְּן אִים אָפְּגֶערֶעדְט, עֶר זָאל דָאס נִישְׁט טוּהְן אִין דֶעם עֶלְטֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: אַזַא אַלְטֶער אִיד ווִי אַייךְ וֶועט נָאךְ נִפְטָר וֶוערְן אוּן בְּלַייבְּן אִינְמִיטְן וֶועג חַס וְשָׁלוֹם, אוּן דִי גוֹיִם וֶועלְן אַייךְ אַריינְוַוארְפְן אִין יַם אַרַיין [דֶעמָאלְטְס צוּ פָּארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ אוּקְרֵיינָא אִיז גֶעוֶוען אַ אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע שְׁוֶוערֶע אוּן פַארְמַאטֶערְטֶע וֶועג וָואס וֵוינִיג הָאבְּן זִיךְ דָאס אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען]. אָבֶער וִויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ פַארְמֶעגְלִיכֶער מֶענְטְשׁ אוּן פַארְטֵיילְט פַאר מֶענְטְשְׁן אַסַאךְ נְדָבוֹת, אִיז אִים בֵּייגֶעפַאלְן אַ עֵצָה, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ הַייזֶער אִין אוּקְרֵיינָא [רִיעֶל עֶסְטֶעיט], וָואס אִיךְ דַארְף צַאמְנֶעמֶען דִי רֶענְט דֶערְפוּן, וִוי נָאר מֶען הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאבְּן זֵיי אִים אַלֶע גְלַייךְ גֶעזָאגְט: פָּארְט גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אָבֶער פַארְגֶעסְט נִישְׁט פוּן מִיר! אִיךְ הָאבּ אַ וִויכְטִיגֶע הַכְנָסַת כַּלָה צְוֶועק! דֶער זָאגְט: אִיךְ הָאבּ אַ יָתוֹם אִין שְׁטוּבּ, וֶועסְט אַוַודַאי נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן מִיר! דֶער זָאגְט: אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוָואגֶער וָואס אִיז אוֹיף צָרוֹת, זָאלְסְט גֶעדֶענְקְן אִים אַרוֹיס צוּהֶעלְפְן, אוּן אַזוֹי הָאט אִים יֶעדֶער בַּאגְלֵייט מִיט אַלֶע מִינֵי בְּרָכוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעקֶענְט רוּאִיג פָּארְן.

## ז.

אָבֶער כְּדֵי מֶען זָאל פַּארְשְׁטֵיין און אַיינְזֶעהְן דִי וויכְטִיגְקֵייט פון חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער וָואס יוּנְגֶער, דַארְף מֶען הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ, און צוּ אַ רֵיינֶעם מֹחַ אִיז מֶען זוֹכֶה נָאר אַז מֶען הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, און אַז מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, אִיז מֶען אַזוֹי ווִי אַ ווִילְדֶע חַיָה וָואס קֶען פַּארְצִיקְן מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ז): אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז נִישְׁט דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר אַ חַיָה אִין אַ גֶעשְׁטַאלְט פון אַ מֶענְטְשׁ. דֶערְפַאר, ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נָאכְנִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, און זַיין אֱמוּנָה אִיז נָאכְנִישְׁט גַאנְץ, אִיז אִים דָאס שְׁוֶוער צוּ פַּארְשְׁטֵיין, און מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פון אִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יְחֶזְקֵאל מִקוּזְמִיר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל מַסְבִּיר גֶעוֶוען דָאס וָואס חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כא ע"א): וְלַוָאי שֶׁיִתְפַּלֵל אָדָם כָּל הַיוֹם כֻּלוֹ – הַלְוַואי זָאל אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענֶען אַ גַאנְצֶע טָאג; דָאס הֵייסְט אַז אַלֶעס

וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן דוּרְכְאוֹיס דֶעם טָאג זָאל עֶר בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, צוּם בַּיישְׁפִּיל: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** אִיךְ דַארְף דָאס אִין דָאס פוּן גְרָאסֶערִי; **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** אִיךְ דַארְף נַייעֶ שִׁיךְ; אוּן וֶוען עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ זָאל עֶר בֶּעטְן: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** הֶעלְף מִיר, אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט; קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְפָאלְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן חַס וְשָׁלוֹם פוּן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ[12]; אוּן אַזוֹי זָאל עֶר בֶּעטְן יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף נָאר אִינֶעם גַאנְצְן טָאג.

[12] דִי וָואךְ אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע 'טָארְנֶעידָא', [וָואס עֶס קוּמְט אַרָאפּ פוּן אוֹיבְּן אַ מוֹרָא'דִיגֶע וִוינְט אוּן דָאס דְרֵייט דִי וַואסֶער מִיט אַזַא מִין שְׁנֶעלְקֵייט, אַז אָךְ אוּן וֵויי אִיז פַאר וֶוער עֶס אִיז דֶעמָאלְטְס דָארְטְן, קַיין לֶעבֶּעדִיגֶער גֵייט עֶר נִישְׁט אַרוֹיס, גֶעוֶוענְטְלִיךְ פַּאסִירְט דָאס וַוייט אִינְמִיטְן יַם, יֶעצְט אִיז דָאס גֶעוֶוען הֶעכֶער דִי יַבָּשָׁה אוֹיף אַ בַּאוואוֹינְטֶע גֶעגֶענְט, אוּן בִּיז סֶעקוּנְדֶעס זֶענֶען גַאנְצֶעטֶע גַאסְן גֶעוָוארְן אָפְּגֶעוִוישְׁט], וִוי טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַוֶועק, דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג מִתְפַּלֵל זַיין עֶר זָאל וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז 'מַאֲרִיךְ אַף' אוּן עֶר וַוארְט אוֹיס, אָבֶּער נָאכְדֶעם רַחֲמָנָא לִצְלָן קוּמְט דָאס.

אָבֶער וִויבַאלְד אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, טְרַאכְט עֶר: וֶוער הֶערְט מִיךְ דֶען אוֹיס? בְּשָׁעַת דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט דִיר, אוּן עֶר הֶערְט דִיךְ אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נה): בַּיים דַאוֶוענֶען דַארְף מֶען קוּמֶען צוּ אַזַא בִּיטוּל, אַז מֶען זָאל וִויסְן אַז עֶס אִיז קֵיינֶער נִישְׁט דָא, נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין; אוּן דוּרְךְ דֶעם לֶעבְּט אַ מֶענְטְשׁ אַ חַיִּים טוֹבִים.

ח.

אָבֶער מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ תְּפִלָּה נָאר אַז מֶען טְרֶעפְט דִי גוּטְס בַּיי זִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב): וֶוער קֶען זַיין אַ בַּעַל תְּפִלָּה אוּן אַ חַזָן? דֶער וָואס קֶען צַאמְנֶעמֶען אוּן טְרֶעפְן דָאס גוּטְס פוּן זִיךְ, אוּן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן עֶר קֶען פַאר יֶעדֶעם וַוייזְן אַז עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, כָאטְשִׁיג עֶר אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אִין זַיין לֶעבְּן גָאר שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים; וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶעס אוֹיף

דֶער וֶועלְט צוּ צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ, אוּן זָאגְט אִים: דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד! אוּן וֶוער זָאגְט נָאךְ אַז דֶער מְלַמֵּד הָאט אִים דֶערְנִידֶערְט אוּן פַארְשֶׁעמְט, גֶעשְׁלֶעפְּט בַּיי דִי אוֹיעֶרְן; אָנְגֶעפְּרַאסְקֶעט פַאר אַלֶע קִינְדֶער; גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: דוּ בַּאנְדִיט! דוּ שֵׁגֶץ! דוּ 'לֹא יִצְלָח'! אוּן דָאס הֶערְט עֶר בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע יָארְגֶענְג פוּן כִּתָּה צוּ כִּתָּה, אוּן אַוַודַאי אוֹיבּ אַלְץ בָּחוּר אִיז מֶען אִים מְבַזֶּה בָּרַבִּים, מֶען וַוארְפְט אִים אַרוֹיס, אָדֶער דִי טַאטֶע מַאמֶע זָאגְן אִים אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, גֵייט אִים צוּבִּיסְלֶעךְ אַרַיין אִין קָאפּ אַז עֶר אִיז טַאקֶע גָארְנִישְׁט, אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט טוֹיגְן אוֹיף גָארְנִישְׁט.

דָאס אִיז דֶער חִידוּשׁ פוּנֶעם אֱמֶת'ן צַדִיק, אַז עֶר אִיז אַ גוּטֶער מְלַמֵּד (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ל), אוּן עֶר קֶען אַרַיין שַׁיינֶען 'אֱלֹקוּת' אֲפִילוּ אִין אַזַאלֶעכֶע נִידֶערִיגֶע מֶענְטְשְׁן ווִי מִיר זֶענֶען; וָואס אַמָאלִיגֶע צַייטְן הָאבְּן צַדִּיקִים גֶעדַארְפְט הָארֶעוֶוען אוּן פַאסְטְן אוּן זִיךְ מְסַגֵּף זַיין מִיט אַלֶע מִינֵי סִיגוּפִים, זִיךְ צוּ מְזַכֵּךְ זַיין, בִּיז זֵיי הָאבְּן

עֶנְדְלִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען שְׁפִּירְן עֶפֶּעס אֱלֹקוּת, אוּן דָא קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט אַזַא רַחְמָנוּת, אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ[13] צוּ אַזַאלֶעכֶע נִידֶערִיגֶע שְׁוַואכֶע אוּן קְלֵיינֶע

---

[13] וַוייל דֶער עִיקָר מַעְלָה פוּן אַ גוּטֶער מְלַמֵד אִיז, אַז עֶר קֶען זִיךְ אַזוֹי גוּט אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעדוּלְד צוּ זֵיי, בִּיז אֲפִילוּ דֶער שְׁוַואכְסְטֶער קִינְד כַאפְּט אוֹיךְ אוֹיף וָואס עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי, אוּן עֶר קֶען אוֹיךְ דִי לִימוּדִים, וָואס דָאס קוּמְט נִישְׁט וַוייל דֶער קִינְד הָאט אַ גוּטֶע קָאפּ, נָאר וַוייל עֶר הָאט אַ גוּטְן מְלַמֵד וָואס הָאט גֶעדוּלְד, אוּן עֶר קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ יֶעדְן.

אִין יֶעדֶע כִּיתָּה [קְלַאס] אִיז דָא דְרֵיי קַאטֶעגָארְיֶעס קִינְדֶער: 'מְצוּיָנִים, בֵּינוּנִים, אוּן שְׁוַואכֶע', [עֶס קוּמְט דָאךְ אִים גָארְנִישְׁט אַז עֶר אִיז שְׁוַואךְ], מֶען זֶעהְט אָבֶער אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, וֶוען דֶער 'מְנַהֵל' קוּמְט פַארְהֶערְן, פְרֶעגְט עֶר דַוְקָא פוּן דִי שְׁוַואכֶע, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער מְלַמֵד וֶוערְט רוֹיט פַאר בּוּשָׁה, אַז זֵיי קֶענֶען גָארְנִישְׁט, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער מְנַהֵל וִויל אִים נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אַקֶעגְן דִי קִינְדֶער, נֶעמְט עֶר אִים אַרוֹיס אִין 'הָאל', דָארְט הַאלְט עֶר אִים פָאר: וָואס אִיז דָאס? אוּן דֶער מְלַמֵד פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ פַארְעֶנְטְפֶערְן, אוּן עֶר זָאגְט פַארְן מְנַהֵל: פַארְוָואס הָאט אִיר נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער? זֵיי קֶענֶען אַ מְחַיֶה! זָאגְט אִים דֶער מְנַהֵל: דוּ בַּטְלָן אֵיינֶער! דִי קִינְדֶער זֶענֶען שוֹין בַּיי מִיר אַרַיין גֶעקוּמֶען פוּן דִי 'אַלֶף-בֵּית' כִּיתָּה, אוּן אִיךְ קֶען זֵיי אַלֶע, וֶועגְן דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן, וָואס אִיר הָאט אוֹיפְגֶעטוּהְן פַאר דִי שְׁוַואכֶע? אַז דִי גוּטֶע קֶעפּ קֶענֶען וֵוייס אִיךְ סַייוִוי, אוּן דוּ הָאסְט דָא גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּהְן, אָבֶער אַז דִי שְׁוַואכֶע קֶענֶען, דֶעמָאלְטְס וֵוייס אִיךְ אַז דוּ בִּיזְט אַ גוּטֶער מְלַמֵד! דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן מְלוּמְדוּת, אַז עֶר קֶען דִי שְׁוַואכֶע אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן...

מֶענְטְשְׁן וִוי מִיר זֶענֶען[14], אוּן עֶר הֵייבְּט אוּנְז אוֹיף צוּ אַזַאלֶעכֶע מַדְרֵיגוֹת, אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ נָאר שְׁפִּירְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע וואוּנְדֶער וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, דִי מַדְרֵיגוֹת מִיט וָואס דִי תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאבְּן גֶעלֶעבְּט, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאוִויסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֶעלָאפְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגְן בְּרֶען, שְׁרֵייעֶנְדִיג: מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ! אוּן דָא נֶעמְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן שַׁיינְט אַרַיין אִין אוּנְז דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי קְלָאר, אַז מִיר הֵייבְּן שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיךְ אָן צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אוּן אֲפִילוּ אַז מֶען אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס, זִיךְ צוּ

[14] מִיר טָארְן זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אֵיין רֶגַע אַז מִיר זֶענֶען שׁוֹין 'מְקוּבָּלִים', 'בַּעֲלֵי הַשָּׂגָה', 'בַּעֲלֵי מַדְרֵגוֹת', נָאר וָואס יָא? מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר אִיז אַ גוּטֶער מְלַמֵּד, אוּן עֶר הֵייבְּט אוּנְז אוֹיף, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין עָלִים לַתְּרוּפָה מִכְתָּב תד): 'דוּפִּיט אוֹיף מַיינֶע פְּלֵייצֶעס'.

מִתְוַדֶּה זַיין פַאר׳ן צַדִּיק – דֶער אֱמֶת׳ער תַּלְמוּד חָכָם, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ אַזַא מִין ׳גִילוּי אֱלֹקוּת׳ אַז עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין אוֹיךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר בַּאקוּמְט אַ רֵיינֶעם מֹחַ, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר דַאוֶוענְט דִי תְּפִילוֹת הַקְּבוּעוֹת, הָאט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ אִינְזִין דֶעם פָּשׁוּט׳ן טַייטְשׁ פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר זָאגְט: אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת וְכוּ׳ – דוּ גֶעבְּסְט פַאר יֶעדְן שֵׂכֶל, בֶּעהְט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר אוֹיךְ שֵׂכֶל; אוּן אַזוֹי אֵיין בְּרָכָה נָאכְן אַנְדֶערְן.

אָבֶער כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען מִתְפַּלֵל זַיין אוּן זִינְגֶען זְמִירוֹת פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, מוּז מֶען זִיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן; דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים קמו, ב): **אֲזַמְּרָה לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי**; וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? ׳בְּעוֹדִי׳ – אַז אִיךְ טְרֶעף אִין מִיר נָאךְ עֶפֶּעס גוּטְס.

אָבֶער דָאס אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט, אַז יֶעדֶער זָאל נָאר הֶערְן אוּן נָאר רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן נִישְׁט וֶועלְן גָארְנִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דָאס וֶועט זַיין בַּיי דִי גְאוּלָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת,

עֵירוּבֵי תְּחוּמִין, הֲלָכָה ה): יֶעצְט אִיז נָאךְ שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן אָפֶּען פוּן בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן מֶען קוּקְט דָאס נָאךְ אָן זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט...! מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס פֶּעלְט דָאךְ אֱמֶתְ'דִיג אוֹיס פַאר מִיר, וַוייל וֶוען אִיךְ הֶער אַ שֵׁיינֶע דְרוּשׁ אָדֶער פִּלְפּוּל אִין 'נִגְלֶה' אָדֶער אִין 'נִסְתָּר' [קַבָּלָה], וֵוייס אִיךְ נָאךְ אַלְץ נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְן מִיט אַלֶע מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אָבֶער דִי פָּשׁוּטֶ'ע דִיבּוּרִים פוּן אֱמוּנָה דַארְף מֶען דָאךְ הָאבְּן טָאג טֶעגְלִיךְ, צוּ קֶענֶען אִיבֶּערְקוּמֶען דִי אַלֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

ט.

בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת הַנֵּרֹת אֶל מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת וְכוּ' (בַּמִּדְבָּר ח, ב). אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט גֶעהַאט אַ מִצְוָה אַז יֶעדְן טָאג זָאל עֶר צוּגֶערִיטְן אוּן אוֹיסְרֵיינִיגְן דִי מְנוֹרָה אוּן דָאס אָנְצִינְדְן; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כא): דִי מִצְוָה הָאט אוֹיךְ יֶעדֶער אִיד, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ אַ מְנוֹרָה מִיט זִיבְּן לֶעכְט! וָואס דָאס זֶענֶען: דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי צְוֵויי

נָאז לֶעכֶער, אוּן דִי מוֹיל. אוּן דָאס דַארְף מֶען רֵיינִיגְן אוּן הֵיילִיגְן יֶעדְן טָאג פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס: עֶר זָאל מִיט דִי "מוֹיל" נִישְׁט זָאגְן קֵיין לִיגֶענְט אָדֶער רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס; מִיט דִי "נָאז" זָאל עֶר נָאר שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם נִישְׁט צוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶעְרֶעגְט; דִי "אוֹיעֶרְן" זָאל עֶר צוּלֵייגְן צוּ דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי צַדִיקִים, אוּן דָאס אָנְנֶעמֶען אוּן גְלֵייבְּן דֶערִין; אוֹיף דִי "אוֹיגְן" זָאל עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ קוּקְן קֵיין שְׁמוּץ; וָואס דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר רֵיינִיגְט דָאס אוֹיס, צִינְד עֶר אָן יֶעדְן טָאג דִי מְנוֹרָה וָואס עֶר הָאט, אוּן זַיין מֹחַ לַייכְט אוּן שַׁיינְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגְן גֶעטְלִיכֶער שֵׁיין.

י.

חַזַ"ל זָאגְן (עַיֵין רַשִׁ"י בְּשֵׁם סִפְרֵי): פַארְוָואס שְׁטֵייט בְּהַעֲלוֹתְךָ? וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען דְרֵיי טְרֶעפּ אַרוֹיפְצוּגֵיין צוּ דִי מְנוֹרָה (מִשְׁנַיוֹת מַסֶכֶת תָּמִיד פֶּרֶק ג, מִשְׁנָה ט). זָאגְן צַדִיקִים (עַיֵין בְּסֵפֶר דְרָשׁוֹת תּוֹרַת חֶסֶד, להרה"ק בַּעַל מַחֲנֶה חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דְרוּשִׁים לְחַנוּכָּה, דְרוּשׁ ל"ג), אַז דִי דְרֵיי טְרֶעפּ אִיז מְרַמֵז אַקֶעגְן

תּוֹרָה, עֲבוֹדָה, גְמִילוּת חֲסָדִים. דָאס הֵייסְט, עֶס אִיז פַארְהַאן דְרֵיי זַאכְן וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף טוּהְן, כְּדֵי עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען רֵיינִיגְן זַיין מְנוֹרָה, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז ׳תּוֹרָה׳ – מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה, און אוֹיבּ וֶועט אַ מֶענְטְשׁ זָאגְן: אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען! דֶערְפַאר הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ ׳סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד׳ צוּ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, זָאגְן שַׁ״ס[15], און אַזוֹי אַנְדֶערֶע

---

[15] בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז דָא יוּנְגֶע בָּחוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוֹין מְסַיֵים גֶעוֶועזְן פֶערְצִיג פוּפְצִיג מָאל ׳שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה׳, און אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ״ס, און נָאכְדֶעם אַ מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל, און אַזוֹי וַוייטֶער אֵיין מַסֶכְתָּא נָאכְן אַנְדֶערְן, כָּאטְשִׁיג עֶס אִיז דָא לֵצִים וָואס לַאכְן דֶערְפוּן: עֶס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט... אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט וֶועט מֶען זֶעהְן דִי חִילוּק, דֶער וָואס הָאט גֶעפָּאלְגְט בִּתְמִימוּת, הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן און גֶעעֶנְדִיגְט הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל שַׁ״ס וְכוּ׳ וְכוּ׳, וְוידֶער דֶער וָואס הָאט גֶעלַאכְט דֶערְפוּן וֶועט נֶעבֶּעךְ בְּלַייבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט אָן גָארְנִישְׁט, און דֶעמָאלְטְס אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן עֶס אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט, מֶען טְרָאגְט אִים שׁוֹין אִין בֵּית עָלְמִין, וֶועגְן דֶעם זָאגְן חַזַ״ל (שְׁמוֹת רַבָּה נב, ג), אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כה): עוֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן; ״אֵימָתַי הַתּוֹרָה מְשַׂחֶקֶת? הֱוֵי לְיוֹם אַחֲרוֹן״ – וֶוען קֶען אַ מֶענְטְשׁ לַאכְן און זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דֶער וֶועלְט? אִינֶעם לֶעצְטְן טָאג וֶוען עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט! וָואס דֶעמָאלְטְס קוּמְט אִים זֵייעֶר צוּנִיץ יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

לִימוּדִים (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו; קוּנְטְרֵס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד); נָאכְדֶעם 'תְּפִלָּה' - רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. דִי דְרִיטֶע זַאךְ אִיז 'גְמִילוּת חֲסָדִים' - טוּהְן אַ טוֹבָה פַאר אַ צְוֵוייטֶע אִיד אוּן אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין זַיין צָרָה, אוּן וִוי אִיז נָאךְ דָא אַ גְרֶעסֶערֶע צָרָה וִוי דָאס אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּבְּרָאכְן, אוּן מֶען הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס אוּן מֶען אִיז אִים מְחַזֵק; אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְחַזֵק אִין דִי דְרֵיי זַאכְן: עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר טוּט חֶסֶד, אִיז עֶר זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם צוּ קֶענֶען רֵיינִיגְן אוּן אָנְצִינְדְן זַיינֶע 'שִׁבְעָה נֵרוֹת', עֶס זָאל שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן.

## יא.

**וְזֶה מַעֲשֵׂה הַמְּנֹרָה מִקְשָׁה תֵּעָשֶׂה וְכוּ'** (בַּמִדְבָּר ח, ד). זָאגְן חַזַ"ל (מְנָחוֹת כט ע"ב): מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט דִי מְנוֹרָה, בִּיז דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט: נֶעם אַ שְׁטִיק גָאלְד, וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פַייעֶר, וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ מְנוֹרָה. אוּן פַארְוָואס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי

מֶען מַאכְט דִי מְנוֹרָה?! נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, הֲלָכָה ז בְּסוֹפוֹ), אַז דִי נַיין אוּן פֶּערְצִיג חֲלָקִים פוּן וָואס דִי מְנוֹרָה אִיז גֶעוֶוען צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט, אִיז אַקֶעגְן דִי נֶעמֶען פוּן דִי צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים, וָואס פַארְמָאגְט אוֹיךְ נַיין אוּן פֶּערְצִיג אוֹתִיוֹת, אָבֶער דִי מְנוֹרָה הָאט גֶעדַארְפְט זַיין אוֹיסְגֶעהַאקְט פוּן אֵיין שְׁטִיק גָאלְד, נִישְׁט מֶען זָאל דָאס צַאמְשְׁמֶעלְצְן פוּן עֶקְסְטֶערֶע שְׁטִיקְלֶעךְ; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ כָאטְשִׁיג יֶעדֶער שֵׁבֶט הָאט אַ אַנְדֶערְן 'נוּסָח' אוּן אַ אַנְדֶערְן 'דֶרֶךְ', דָאךְ זָאל מֶען זִיךְ קֶענֶען צַאמְנֶעמֶען אִינְאֵיינֶעם, וַוייל מִיר אַלֶע זֶענֶען אֵיינִיגֶע קִינְדֶער פוּנֶעם טַאטְן יַעֲקֹב, אוּן מִיר אַלֶע גְלֵייבְּן אִין דֶעם אֵיין אֵיינְצִיגְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן יֶעדֶער אִיד אִיז חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ פַארְשְׁטֵיין: וִוי אַזוֹי קֶען מֶען צַאמְנֶעמֶען אוּן פַארְאֵיינִיגְן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל?!

וַוייל לֵיידֶער פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם שְׁטֶענְדִיג מִיט מוֹרָא'דִיגֶע כּוֹחוֹת אַז עֶס זָאל זַיין מַחְלוֹקֶת בַּיי אִידְן,

אַזוֹי ווי מֶען זֶעהְט דָאס בְּחוּשׁ: אַ חָסִיד פוּן אֵיין רֶבִּי'ן ווִיל נִישְׁט קֶענֶען קַיין אַנְדֶערֶע חֲסִידִים, [בִּשְׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט כְּדֵי צוּ מַאכְן פֵּירוּדִים צְווִישְׁן חֲסִידִים], אוּן ווִידֶער אַלֶע חֲסִידִים ווִילְן נִישְׁט הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט דִי לִיטְוַואקֶעס, אוּן בַּיי דִי לִיטְווִישֶׁע אַלֵיין שְׁלָאגְט מֶען זִיךְ אוֹיךְ אַרוּם: סְלַאבָּאדְקֶע, מִיר, אוּן פָּאנֶעוְוִיטְשׁ; אוּן אַלֶע אַשְׁכְּנַזִ'ישֶׁע צוּזַאמֶען - סַיי דִי חֲסִידִים אוּן סַיי דִי לִיטְוַואקֶעס - ווִילְן נִישְׁט קֶענֶען דִי סְפַרְדִים; אוּן ווִידֶער צְווִישְׁן דִי סְפַרְדִים אַלֵיין טוּט זִיךְ אוֹיךְ אָפּ מַחְלוֹקֶת: מָארָאקַאנֶער, טוּנִיסֶער, אוּן אַלֶע אַקֶעגְן דִי תֵּימָנֶ'ער; וָואס דִי פֵּירוּדִים אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּנְזֶער גָלוּת, דֶערְפַאר לֶערְנְט אוּנְז דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אַז מֶען דַארְף זִיךְ מְאַחֵד זַיין, אוּן טְרֶעפְן דִי גוּטְס אִין יֶעדְן אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין דַן צוּ זַיין לְכַף זְכוּת סַיי זִיךְ סַיי יֶענֶעם, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אַזוֹי ווִי מֶען זֶעהְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פַאנְגְט אָן זַיין סֵפֶר 'לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת' (הַשְׁכָּמַת

הַבּוֹקֶר, הֲלָכָה א) מִיט דִי תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב), וָואס רֶעדְט פוּן דַן זַיין יֶעדְן לְכַף זְכוּת, אוּן עֶר זָאגְט דָארְט: נָאר מָשִׁיחַ וֶועט קֶענֶען דַן זַיין אַלֶע אִידְן לְכַף זְכוּת אוּן יֶעדְן פַּארְשְׁטֵיין, דֶערְפַּאר וֶועט עֶר זַיין מָשִׁיחַ, וַוייל דָאס אִיז דִי גְאוּלָה אַז מֶען קֶען בַּיי יֶעדְן טְרֶעפְן זַיין 'נְקוּדָה טוֹבָה', אוּן אֲפִילוּ אַז עֶר אִיז טַאקֶע דוּרְכְגֶעפַאלְן הָאט עֶר אוֹיךְ נָאךְ אַ תַּקָנָה, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר מַעֲלָה זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל דָאס שׁוֹין דֶערְלֶעבְן צוּ זֶעהְן.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

## אליעזר שלמה

בן רבי

## מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה** ומשפ',

**אלחנן חיים** ומשפ',

**מרים העניא זיסל** ומשפ',

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא

את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון

בבני חיי ומזוני רוויחא

ויזכו לרות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון



בס״ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע ביווּר, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ׳ן ראש ישיבה
הרה״ג ר׳
יואל רוטה
שליט״א
היכל
הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן
הדפסה
היכל
הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com